STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04203

DER KOYEH FUN YIDISH

Nachman Mayzel

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמן מייזיל

דער כח פון יידיש

1939

אַרויסגעגעבן פון ניו־יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט פון
אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד

אינהאַלט:

דער כח פון יידיש......................... 3

די יידישע יוגנט אין אַמעריקע.................. 10

דער שרייבער און דער לייענער.................. 19

דער וועג צום „איקוף"..................... 28

דער כח פון יידיש

פאראן אין לעבן אלטע, אפגעלעבטע פארשטעלונגען און באגריפן, וואס מען האט שוין פון לאנג באדארפט אפשאפן, ענדערן, ווייל זיי פאסן זיך נישט צו צו דער פאקטישער און רעאלער לאגע.

אזא מין פאלשע און לאנג־אפגעלעבטע פארשטעלונג און באגריף הערשט ביים ברייטן עולם וועגן דער יידישער שפראך, וועגן אונדזער מאמע־לשון.

מען איז געוואוינט פון אמאליקע יארן צו ריידן מיט רחמנות, מיט מיטלייד וועגן יידיש: אן ארעמע שפראך, נעבעך; אפגעריסן און אפגעשליסן, נעבעך; האט א טאג נישט מיט וואס איבערצוקומען. און עס געשעעט בנוגע צו יידיש אפט, ווי מיט יענעם רייכן מאן, וואס קען קיין ארעמאן אין די אויגן נישט זען, דאס הארץ טוט אים ווי, — הייסט ער נישט ארויפלאזן אים אויף דער שוועל...

מ'שטיינס געזאגט, אן ארעמע שפראך, אן א גראמאטיק, אן א ליטעראטור, אן וויסנשאפטלעכע ווערק, אן איבערזעצונגען פון פרעמדע שפראכן! — דאס קענט איר נאך א י צ ט הערן פון גאר אינטעליגענטע מענטשן און פון דער יוגנט, וואס איז פארפרעמדט פון יידיש. און דער אויספיר איז — מען דארף יידיש אויף דער שוועל נישט ארויפלאזן!

ווער עס האלט אזוי און ווער עס טראכט אזוי, — ווייסט גאר־גארנישט, וואס עס טוט זיך אין דער יידישער שפראך, אין דער יידישער פרעסע, אין דער יידישער ליטעראטור, אין יידישן טעאטער, אין דער יידישער וויסנשאפטלעכער ליטעראטור.

דער כח פון יידיש איז פיל שטאַרקער און מעכטיקער, ווי מיר אַליין שטעלן זיך גאָר פאָר.

לאָמיר נאָר זיך דערמאָנען, אַז יידיש איז איצט אַ וועלט־שפּראַך, זי איז מער ווי פיל אַנדערע קלענערע שפּראַכן פאַרשפּרייט אין דער גרויסער און ברייטער וועלט.

אַ ווערטל אַהין, אַ ווערטל אַהער, — אָבער מיט יידיש קאָן מען אויספאָרן אַ שטיק וועלט. מען קען זיך באַנוצן מיט יידיש אין אייראָפּע און אין אַמעריקע, אין פּאַלעסטינע און אין דרום־אַפריקע, אין אויסטראַליע און אין אַרגענטינע.

יידיש — אָט די מכלומרשט אָרעמע שפּראַך, — פאַרמאָגט גאָר אַ רייכע יידישע פּרעסע, וואָס קען זיך מיט איר צאָל פאַרמעסטן און קאָנקורירן מיט דער פּרעסע פון פיל רייכערע שפּראַכן ווי יידיש.

די יידישע פּרעסע אין דער יידישער שפּראַך דערשיינט אין אַ דרייסיק פאַרשיידענע לענדער איבער גאָר דער וועלט. און די פּרעסע איז דאָך איצט דער לעבעדיקער נערוו, דער לעבעדיקער דופק פון אַ פאָלק, פון די מאַסן.

מיר פאַרמאָגן איבער 40 טעגלעכע יידישע צייטונגען, — כ׳בעט געדענקען — איבער 40 יידישע צייטונגען אין דער יידישער שפּראַך, וואָס האָבן אַ לייענער עולם פון גוטע עטלעכע מיליאָן. אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן מיר אַ 7—8 טעגלעכע יידישע צייטונגען, אין פּוילן — אַ 17—18, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — 3, אין דרום־אַמעריקע — 4, אין דרום־אַפריקע — 2, און אַזוי ווייטער.

חוץ דעם פאַרמאָגן מיר אין דער גרויסער וועלט ביי 450 וועכנטלעכע, צוויי־וועכנטלעכע און חודש־זשורנאַלן אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן שאַפן. מיר האָבן זשורנאַלן פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט, מעדיצין, פּעדאַגאָגיק, שפּראַך־וויסנשאַפט, עקאָנאָמיק, סטאַטיסטיק, סאָציאָלאָגיע, א. א. וו.

אין די אַלע טעגלעכע, וועכנטלעכע און אַנדערע אויסגאַבן אַר־

בעט. פּראָפעסיאָנעל א גרויסע אַרמיי פון פאַרשיידנערליי יידישע שרייבער, וויסנשאַפטלער, ספעציאַליסטן אויף אַלע געביטן, פאַכלייט מיט הויכער בילדונג, מענטשן, וואָס האָבן גרויסע פאַרדינסטן אין אַריינברענגען גרויסע ווערטן און ווערק.

וואָס פאַר אַ טענות מיר זאָלן נישט האָבן צו דער אָדער אַנדערער אויסגאַבע, אָבער די יידיש־פּרעסע איז דער פולסטער אויסדרוק פון דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן און שאַפערישן געראַנק אין דער איצטיקער צייט. די יידיש־פּרעסע נעמט אויף אין זיך אַלדי ליכט און שאָטן פון אונדזער טרויעריקן אָבער זייער אינטערעסאַנטן לעבן, רעאַגירט אויף די וויכטיקסטע פּאַסירונגען און פירט־אָן מיט דער אַלגעמיין־יידישער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. די יידישע פּרעסע איז אַ כוח אין יידישן לעבן, — אַ כוח, מיט וועלכן עס מוזן זיך רעכענען סיי אונדזערע פריינט און סיי אונדזערע פיינט. עס איז אַ שטאַרקער כלי־זין, אַ וואָפן אין אונדזערע הענט, אין דעם שטענדיקן קאַמף און געראַנגל פאַר אונדזערע רעכט, פאַר אונדזער עקזיסטענץ.

די לעצטע פאַר צענדליק יאָר איז פאָרגעקומען אין יידישן לעבן אַ געוואַלדיקע איבעראַנדערשונג פון פיל און פיל זאַכן. באַגלייך מיטן חורבן, פאַרוויסטונג, וואָס דער וועלט־קריג, דער בירגער־קריג, די פּאָגראָמען, דער פאַשיזם האָבן אָנגעמאַכט אין יידישן לעבן, פאַרוויסט און אָפּגעווישט פון דער מאַפּע יידישע הונדערטיעריקע ישובים און קיבוצים, — איז אויך פאָרגעקומען אַ גרויסער און אינטערעסאַנטער פּראָצעס פון אויפשטעלן נייע יידישע קיבוצים און ישובים אין אַלע עקן וועלט. עס איז אָנגעגאַנגען אַן ערנסטע טעטיקייט פון איינלעבן זיך, איינוואָרצלען זיך, פון זעלבסטבאַשטימען זיך אין פיל לענדער. און אין דער ערשטער ריי האָט דערביי געשפּילט אַ ראָלע די יידישע פּרעסע, וואָס איז מיטגעגאַנגען טריט־ביי־טריט און געהאָלפן גרייטן ציגל, לייגן פונדאַמענטן פאַר גרויסאַרטיקע בנינים.

אודאי האָבן מיר פיל טענות צו געוויסע צייטונגען און אויס־

גאָבעס, — אָבער אָן קיין ספק, אַז די פּרעסע אין אַלגעמיין האָט שטאַרק מיטגעהאָלפן, אַז דער יידישער געזעלשאַפטלעכער געדאַנק זאָל באַוואוסטזיניקער ווערן. די יידישע פּרעסע איז געווען דער הייוון, וואָס האָט געמאַכט יוירן דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין אַלע זיינע שאַטירונגען.

עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז דאָרט וואו עס איז קיין יידישע פּרעסע נישטאָ, דאָרט איז נישטאָ קיין אמת, פול און גאַנץ יידיש לעבן. די אַלע ישובים אָן אַ יידיש־פּרעסע זענען ווי אָפּגעזונדערט, אָפּגעריסן, איזאָלירט פון גאַנצן יידישן פאָלק.

ווען מיר ריידן וועגן דעם כח פון דער יידישער שפּראַך, מוזן מיר באַזונדערס זיך אָפּשטעלן אויף דעם וואוקס און אויף דער אַנט־וויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך. אין אָט־דעם געביט זענען באמת געשען וואונדער איבער וואונדער. די יידישע ליטעראַטור האָט פאַר די לעצטע צוויי־דריי צענדליק יאָר געמאַכט אויסערגעוויינלעכע פאָרשריטן, וואָס דער גרעסטער פאַנטאַסט און אָפּטימיסט האָט זיך עס גאָרנישט געקענט פאָר־שטעלן.

עס זענען גענוג איניקע פאַרגלייכן, ווי מיר האָבן געהאַלטן מיט דער יידישער ליטעראַטור מיט אַ 20, 30, 40 יאָר צוריק מיט דעם ווי עס איז א י צ ט, כדי צו באַגרייפן, ווי ווייט מיר זענען אַוועק מיט אונדזער יידיש־שאַפן. פון אַ ליטעראַטור, וואָס איז גע־ווען מיט אַ פאָר צענדליק יאָר צוריק פאַרבונדן דורכאויס מיטן יידישן שטעטל און איז געוועזן אַרויסגעוואַקסן פונם שטעטל, האָבן מיר איצט אַ רייכע, פאַרשיידנאַרטיקע, פאַרשיידנפאַרביקע, פיל־קאָלירנדיקע יידישע ליטעראַטור, וואָס קומט אויף, וואַקסט און אַנטוויקלט זיך אין פאַרשיידענע וועלט־טיילן. די יידישע ליטעראַ־טור איז ענג פאַרבונדן מיט דעם אויפקום און פאַנאַנדערוואוקס פון די יידישע ישובים אין דער וועלט; די יידישע ליטעראַטור איז דער פּועל־יוצא, דער רעזולטאַט פון דעם יידישן מאַסן־לעבן און גלייכ־צייטיק ווירקט זי און באַווירקט דאָס יידישע לעבן, זי נעמט אויף

אין זיך די פרייד און לייד פון די יידישע מאסן און באשיינט און באשענט די יידישע וועלט. ווילן מיר האבן א פארשטעלונג, א באַ־גריף, ווי עס לעבן און שאפן די יידישע מאסן אין דער איצטיקער צייט און אמאל — מוזן מיר זיך באהעפטן מיט דער יידישער לי־טעראטור און ארויסאנטפלעקן פון אירע טיפענישן די שלאגנדיקע קוואלן פון יידישן שאפן און לעבן. ביי היינט־צו־טאג פארמאגן מיר אין דער גרויסער וועלט הונדערטער יידישע שרייבער, דיכטער און דראמאטורגן, נאוועליסטן און ראמאניסטן, וועלכע גיבן אין זייערע ווערק אלדאס יידישע לעבן — דאס היינטיקע און פארצייטיקע.

אבער מיר זאגן און דארפן עס שטענדיק איבערחזרן, אז דער אינטערעס צו דער יידישער ליטעראטור, די אויפמערקזאמקייט, וואס עס ווערט איר געשענקט, איז כלל נישט אין דער פראפארציע מיט איר וואוקס, מיט איר אנטוויקלונג, מיט איר פארנעם.

עס איז א טרויעריקער פאקט, וואס מיר מוזן קאנסטאטירן — מען קען נישט די יידישע ליטעראטור, מען ווייסט וועגן איר גאר ווייניק. און דאס איז א גרויסער שאד, א פארלוסט פאר דעם ברייטן עולם, וואס האט געקענט און באדארפט פיל לערנען פון דעם יידישן שאפן.

דאס יידישע בוך, די יידישע ליטעראטור פארנעמען נישט אין דער יידישער וועלט, אין דעם יידישן הויז דאס ארט, וואס עס האט געדארפט און עס האט געקענט פארנעמען. אמאל האט יעדע יידישע שטוב געהאט אן אייגענע ספרים־שראנק. אין דעם ספר האט דער ייד געלערנט ווי זיך צו באגיין מיט מענטשן, ווי זיך צו באגיין מיט גאט. דער ספר איז געווען דער קוואל פון וואַ־נענט מען האט געשעפט לעבנס־חכמה, טרייסט און פרייד. האט דער ייד נישט געהאט קיין ספרים־שראנק ביי זיך אין הויז, האט ער געזוכט א ספר אין בית־המדרש; האט ער אליין נישט געקענט לערנען, האט ער זיך צוגעהערט ווי אנדערע לערנען, האט ער צו־געליינט אן אויער ווי יענער לערנט.

ווער עס קען נישט די יידישע ליטעראטור, — דער ווערט אן

זייער פיל. די יידישע ליטעראַטור פאַר די לעצטע 50 יאָר איז איינע פון די וואונדערלעכסטע אַנטפּלעקונגען פון דעם יידישן זיין און לעבן. געוואַלדיקע אוצרות פון יידישער גאונות ליגן באַהאַלטן אין דער יידישער ליטעראַטור. גרויסע קינסטלערישע און מייסטערישע דערגרייכונגען — און מען ווייסט וועגן זיי ווייניק. הונדערטער יידישע ביכער און צווישן זיי צענדליקער גוטע ווערק דערשיינען יעדעס יאָר און זיי פאַרבלייבן אומבאַקאַנט.

אויך אונדזער יידיש טעאַטער אין דער יידישער שפּראַך האָט געמאַכט אַ זייער אינטערעסאַנטן קינסטלערישן און מייסטערישן וועג.

מיר פאַרמאָגן איצט אין דער יידישער וועלט פיל ערנסטע אַנסאַמבלען, וואָס פירן־אויף וויכטיקע פאָרשטעלונגען. מיר האָבן אַ הונדערט יידישע טעאַטער־טרופּעס, וואָס אַ טייל פון זיי טוט וויכטיקע סצענישע אַרבעט. צווישן די טויזנט פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער און אַקטיאָרן האָבן מיר באַדייטנדיקע כחות, וועלכע וואָלטן ביי אַ בעסערער אָרגאַניזאַציע און ערנסטערן צוגאַנג צום טעאַטער, געקענט פיל אויפטאָן פאַר דער יידישער דראַמאַטישער קונסט.

יאָר־יערלעך ווערן אין פאַרשיידענע לענדער, — אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין פוילן, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אויפגעפירט גלענצנדע פאָרשטעלונגען, וואָס האַלטן זיך חדשים אויף דער בינע און וואָס ציען צו אַ גרויסן עולם. עס איז נישט איבערטריבן, אַז יידיש טעאַטער ווערט געזען און באַוואונדערט פון מיליאָנען יידישע צושויער אין דער וועלט. אָט דער לעבעדיקער קאָנטאַקט פון אַזאַ גרויסן עולם מיט דעם לעבעדיקן יידישן וואָרט, וואָס קומט פון דער בינע — זאָל נישט זיין גרינג און קליין אין אונדזערע אויגן!

אונדזער טעאַטער אין ראַטן־פאַרבאַנד ווערט אויסגעהאַלטן פון דער מלוכה; מיר האָבן שוין אַ גרויסע צאָל גוטע רעזשיסערן, מוזיקער־קאָמפּאָזיטאָרן און דראַמאַטישע כחות. מיר האָבן שוין אַ טייל פון קלאַסישן רעפּערטואַר אויפגעפירט אויף דער יידישער בינע אין דער יידישער שפּראַך אויף גאָר אַ לייטישן אופן.

אויך אויף דעם וויסנשאַפטלעכן געביט האָבן מיר צו פאַרצייכענען גרויסע אויפטוען און דערגרייכונגען. ביז נישט לאַנג האָבן מיר געהאַט אין דער יידישער שפּראַך בלויז מעשיות, דערציילונגען. עס איז געווען בעיקר — אַ ליטעראַטור פון בעלעטריסטיק. איצט האָבן מיר שוין אַ רייכע וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך. דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, דער „ייוואָ", ווי די יידישע וויסנשאַפטלעכע קאַטעדרעס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן אָרגאַניזירט די עלטערע און יונגע וויסנשאַפטלעכע כחות, קאָנצענטרירט זיי אַרום זיך, געגעבן די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אַ רייכע וויסנשאַפט־ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך.

ווען מיר באַטראַכטן דאָס אַלץ, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן און עס וועט אָן אויפהער אויפגעטאָן אין דער יידישער שפּראַך, מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז דער באַגריף פון אַן אָרעמען און נעבעכדיקן מאַמע־לשון איז שוין לאַנג נישט אָנגעמאָסטן פאַר דער רייכער, שטאַרק אַנטוויקלטער יידישער שפּראַך, מיט אַזאַ רייכער פּרעסע, מיט אַזאַ רייכער ליטעראַטור, מיט אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקן יידישן טעאַטער, מיט אַזאַ פיל־צוזאָגנדיקער יידישער וויסנשאַפט.

דער דראַנג פון דער יידישער מאַסע, איר סטיכיע — איז אויך דער דראַנג און די סטיכיע פון דער יידישער שפּראַך.

די יידישע שפּראַך, די יידישע קולטור איז פיל שטאַרקער, רייכער ווי מיר אַליין שטעלן זיך גאָר פאָר. און דערפאַר איז אַזוי גרויס די אחריות פון די קולטור־בוער, פון די קולטור־שאַפער פאַר איר.

דער „איקוף", דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־פאַרבאַנד, איז געקומען צו מאַנען באַציאונג, אויפמערקזאַמקייט צו דעם אַלעם, וואָס עס ווערט געשאַפן אין דער יידישער שפּראַך.

און דאָס איז דער כח פון דעם „איקוף" און דאָס איז זיין אויפגאַבע!

די יידישע יוגנט אין אַמעריקע

פאַר די פּאָר חדשים, וואָס איך בין אין אַמעריקע, האָב איך גע־האַט די געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט הונדערטער מענטשן, — שרייבער, שוישפּילער, לערער, שול־ און קולטור־טוער, — און סתם יידישע מענטשן פון פאַרשיידענערליי ריכטונגען און קרייזן. איך האָב מיך געטראָפן מיט מענטשן אויף גרויסע פאַרזאַמלונגען, אויף ענ־גערע זיצונגען און אויך — צווישן פיר אויגן. פאַר דער קורצער צייט בין איך באַרייכערט געוואָרן מיט זייער פיל איינדרוקן פון מענטשן און סביבות, כ׳האָב זיך צוגעקוקט צו מענטשן ביי זייער אַרבעט און מענטשן אין זייער היים, אין דעם קרייז פון זייערע פאַמיליעס.

אָבער — אַ מאָדנע זאַך — אין די אַלע הונדערטער צו־נויפטרעפן האָב איך ווייניק געטראָפן די יידישע אַמעריקאַנער יוגנט און ממילא ווייניק באַוויזן אויפצונעמען זייער אינעווייניקסטן לעבן, זייערע שטימונגען און באַשטרעבונגען. דאָ און דאָרטן נאָר האָב איך געכאַפּט אַ קורצן שמועס מיט דעם אָדער יענעם יונגנמאַן, בחור, — אָבער ווייטער פון אַ האַלב־אָפיציעלן שמועס איז עס נישט דערגאַנגען. אין פיל הייזער פון נאָענטע פריינט און קאָלעגן האָב איך אַזוי פון דער זייט געכאַפּט אַ בליק אויף די קינדער, אויך זיך דורכגעוואָרפן מיט זיי מיט אַ פּאָר פריינטלעכע ווערטער און אַזוי פון דער זייט אויפגענומען זייער אַרט אין דער שטוב, זיי־ער באַציאונג צו די פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס הענגען ווי שווערע כמאַרעס אויף די הימלען פון די יידישע שרייבער און טוער.

און זאָל מיר דערלויבט זיין צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן

דער פּראָבלעם „יידישע יוגנט אין אַמעריקע״, — הגם איך בין אפשר נאָך ניט באַרעכטיקט צו ריידן וועגן דעם ברייט און אַרומנעמענדיק, און אויב איך וועל זיין ניט אינגאַנצן גערעכט, — האָב איך דאָך די פּאַרענטפּערונג, אַז עס זענען ניט מער ווי ערשטע אַלגעמיינע איינדרוקן פון אַ גאַסט.

דער יידישער עלטערער דור אין אַמעריקע מאַטערט זיך זינט יאָרן מיט דער האַרבער פּראַגע „יידישע יוגנט אין דעם גאָלדענעם פרייען לאַנד״. אין געוויסע קרייזן ווערט געפירט ממש אַ מסירת־נפשדיקע טעטיקייט פון עלטערן און לערער צוצובינדן די יידישע יוגנט צו די ווערק און ווערטן פון דער מאָדערנער יידישער קולטור. אָבער קודם־כל ווערט געפירט אָט די וויכטיקע דערציאונגאון אויפקלער־אַרבעט אין גאַנץ באַשרענקטע קרייזן, און, צווייטנס, איז די טעטיקייט צווישן דער יידישער יוגנט זייער אַ באַשווערטע, ווייל דאָס יידישע יינגל און מיידל קען ניט אַריינגעצויגן ווערן אינגאַנצן אין דעם קרייז אינטערעסן און פּראָבלעמען פון דעם שאַפנדיקן יידישן לעבן ווייל זיי לעבן, סוף־כל־סוף אין אַן אַנדער קולטור־ און שאַפונגס־וועלט, און אין דער יידישער וועלט — בלייבן זיי בלויז אַ גאַסט, בלויז אַ גר. וויפיל יונגע זענען נאָך די 20 יאָר יידיש שול־וועזן אין אַמעריקע אַריינגעצויגן געוואָרן מיט לייב און לעבן אין דער שאַפנדיקער יידישער וועלט? וויפיל פון דער יידישער יוגנט איז אַריינגעגלידערט אין דער לעבעדיקער קולטור־אַרבעט? וויפיל זעצן פאַר אין זייער ווירקלעכן לעבן אָט די אַרבעט און שטימונג, מיט וועלכער זיי זענען געווען פאַרבונדן אין דער שול? וויפיל פון דער דאָהי־געבאָרענער יוגנט זענען טרייע און באַגייסטערטע לייענער פון דער יידישער פּרעסע, יידישע ליטעראַרישע און פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע זשורנאַלן, ערנסטע און אוממיטלבאַרע צושויער פונם בעסערן יידישן טעאַטער? און וויפיל האָבן מיר צווישן דער יוגנט אמתדיקע נאַטירלעכע לייענער פון דער יידישער ליטעראַטור?

און ס'איז קיין ספק נישט, אַז ווייבאַלד די יידישע יוגנט איז

נישט אקטיוו־שעפעריש אינם יידישן קולטור־לעבן, ווערט זי ממילא שעדלעך און צעשטעריש. איז זי נישט באַטייליקט מיט לייב און לעבן אין דעם אויפבוי און וואוקס פון דער יידישער קולטור, לייגט זי שטיינער אויפן וועג, פאַרהאַלט זי, פּאַראַליזירט זי דעם נאַטיר־לעכן גאַנג פון דעם יידישן שאַפן. דאָס וואָס ס׳פעלט אין דער לי־טעראַטור, אין טעאַטער, אויף מאַסן־פאַרזאַמלונגען אַ יונגער צו־הערער, אַ יונגער געניסער — דאָס רופט זיך אָפּ אויף דעם כאַ־ראַקטער פון דעם ווערק, פון דער פאַרשטעלונג, פון דעם רעפעראַט, פון דער פרעסע. דער שאַפער פּאַסט זיך צו צו דעם געניסער, צי ער טוט עס בכיוון, צי נישט. און נישט נאָר, וואָס די יידישע יוגנט טראָגט נישט צו איר טייל צו דער שאַפנדיקער יידישער קולטור, נאָר מיט איר פאַרפרעמדקייט ברענגט זי דירעקטן שאָדן דעם יידישן שאַפן. דאָס מוז אויפגעקלערט ווערן.

מוזן מיר איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָוועקשטעלן די פראַגע פון דער יידישער יוגנט אין אַמעריקע אין דער גאַנצער ברייט און טיף און נישט שרעקן זיך פונאַנדערצוּוויקלען דאָס פּראָבלעם אין זיין גאַנצן פאַרנעם, סיי פאַר אונדז און סיי פאַר דער יוגנט.

דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אין ווילנע האָט צוריק מיט עטלעכע יאָר באַשטימט אַ קאָנקורס אויף דער בעסטער אויטאָביאָגראַפיע פון יידישע יונגעלייט. מען האָט געוואָלט אויפן סמך פון אויטענטישע מאַטעריאַלן אויספאָרשן די אינעווייניקסטע וועלט פון דער יידישער יוגנט פון פוילן און אייראָפּע. דאַן זענען אָנגעקומען איבער דריי הונדערט „לעבנס־געשיכטעס” פון דער יידי־שער יוגנט אין פאַרשיידענע לענדער, און מער פון אַלץ פון פוילן. די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דעם „לעבעדיקן און צאַפּלדיקן” מאַטעריאַל, וואָס די יידישע יוגנט אַליין האָט צוגעשטעלט, האָט באַוויזן, אַז די יוגנט לעבט איבער אַ זייער אינטערעסאַנט און שווער לעבן. דורך אָט די פאַרשיידנאַרטיקע אויטאָביאָגראַפיעס האָט מען דערזען אַ וויכטיק לעבן, וואָס איז געווען פאַרהוילן פון אונדזע־רע אויגן.

ווי עס זאָל נישט זיין אַנדערשדיק און פאַרשיידנאַרטיק דאָס דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע לעבן פון דער יידישער יוגנט ביי אונדז, אין אייראָפּע, און פון דער יידישער יוגנט דאָ, אין אַמעריקע, — אָבער דאָך זענען דאָ אייניקע אַלגעמיינע כאַראַקטער־שטריכן, אַלגעמיינע באַריר־פּונקטן. און עס איז קיין ספק נישט, אַז מען וואָלט די קעגנזייטיקע באַציאונגען און ווירקונגען געקענט פאַרגרעסערן, כדי די יידישע יוגנט פון דאָרטן און דאָ דער־נעענטערן.

איך וועל דאָ ברענגען אַן אויסצוג פון מיינעם אַן אַרטיקל, וואָס כ'האָב פאַרעפנטלעכט אין מיין בוך „אויף אונדזער קולטור־פראָנט" אונטערן נאָמען „ווער איז אונדזער יוגנט?". דער אַרטיקל איז געשריבן מיט אַ דריי יאָר צוריק און מער געווענדט מיטן פּנים צו אונדזער יידישער יוגנט אין אייראָפּע. אָבער אַ מאָדנע זאַך — אייניקע באַהויפּטונגען קענען אויך דינען פאַר אַ כאַראַקטערים־טיק פון דער יידישער יוגנט אין אַמעריקע, — הגם די אַלגעמיינע לאַגע און דער כאַראַקטער פון דעם לעבן פון אונדזער יוגנט אין אייראָפּע איז אַזוי אַנדערש פון דאָ אין אַמעריקע.

„דער יידישער יוגנט — האָב איך דאַן געשריבן — קומט אויס שווער צו לעבן אין דער איצטיקער צייט. זי טרעפט זיך מיט שווערע סיטואַציעס און שווערע פּראָבלעמען, צו וועלכע זי איז ניט אין דער היים און ניט אין דער שול געווען צוגעגרייט. עס קומט אויס אונדזער יוגנט צו לעבן אין אַן אייביקן געפּלאָנטער צווישן אידעאַל און ווירקלעכקייט, צווישן היים און גאַס; אויך אין דער אייגענער שטוב געפינט זיך די יידישע יוגנט צווישן שטענדיקע קאָנפליקטן צווישן יידישעם און וועלטלעכעס, וואָס האָבן אין פיל יידישע הייזער נאָך ניט געפונען זייער סינטעז... אין שטוב רעדט מען דאָס רוב יידיש, אָדער אויך י י ד י ש, און עס איז אויך דאָ אַ יידישע צייטונג און אַ יידיש בוך, — אָבער דאָס איז די וועלט פון די עלטערן, — אָדער בלויז פון דעם פאָטער. דער דער־וואַקסלינג האָט צו דעם קיין שייכות ניט, עס איז אויסער זיינע

גרענעצן. די וועלט פון זיינע עלטערן איז פאר אים א ווייטע, א פרעמדע, אן אומפארשטענדלעכע. די עלטערן און די פרעמדע שול טוען אלץ וואס מעגלעך צו דערווייטערן אים וואס מער פון דער יידישער וועלט מיט אירע האפענונגען און שטרעבונגען. מען פאר־פלאנצט די יוגנט אויף גאר אן אנדער באדן, און מען טראכט לחלוטין ניט, — צי אט דער באדן איז גינסטיק פאר דער יוגנט, צי די ארומיקע באדינגונגען זענען גערן מיטצוהעלפן, אז זי, די יידי־שע יוגנט, זאל זיך „אננעמען" אין דעם נייעם באדן".

דאס זענען ווערטער, געשריבן אויפן אדרעס פון א טייל יידי־שער יוגנט אין אייראפע. און דארף איך פאר אייך, יידישע עלטערן און לערער אין אמעריקע, דערציילן וועגן דער פיל־ערגערער לאגע און דעם פיל־טיפערן תהום, וואס עס ליגט צווישן דער יידישער יוגנט און די עלטערן, וואס לעבן און שאפן אין דער יידישער לע־בעדיקע און אקטיווער וועלט אין אמעריקע?

אויף איינעם פון מיינע צוזאמענטרעפן מיט יידישע שול־ און קולטור־טוער האט איינער פון די חשובע טוער געזאגט צו מיר: „מילא, איר דארטן אין אייראפע האט פיל פאקטארן, וואס העלפן אייך מיט, אז די יוגנט ציט זיך צוריק אדער ווערט געשטויסן צוריק צו דער יידישער וועלט, — איר האט אנטיסעמיטיזם, באיקאט, געטא־בענק!" עס וואלט אויסגעקומען, ווי אונדז וואלט געווען גוט און וואויל, וואס דער האס צו יידן שמידט אויס בעסערע און שטארקערע יידן... אבער דאס איז זייער א פאלשע און שענדלעכע מיינונג און אויפפאסונג פון אונדזער מאדערנעם יידישן לעבן. עס קומט אויס, ווי אונדזער יידישע קולטור, אונדזער יידיש מאדערן שאפן וואלט זיך געשפייזט אויף רדיפות, יידן־האס און רעכטלאזיקייט; אזא מין צוגאנג דארף אומבאדינגט באקעמפט ווערן.

מיר מוזן איין מאל פאר אלע מאל געדענקען:

גראד ווייל מיר גלויבן אין א בעסערער צוקונפט, גראד ווייל מיר שטרעבן צו א בעסערער סאציאלער ארדענונג, גראד ווייל מיר פארבינדן אונדזער גורל מיטן קאמף פאר א בעסערן און ליכטיקן און גערעכטן מארגן — האבן מיר דעם מוט און די באגייסטערונג

און דעם דראַנג צו שאַפן אַ נייע געזונטע און מונטערע יידישע קול־טור, וואָס קען וואַקסן און אַנטוויקלען זיך אין אַ הומאַניטאַרער, געזעכטער וועלט, אין אַ וועלט פון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן יושר.

און נאָך אַ זאַך: מיר קענען נישט און מיר טאָרן נישט אויס־טייַטן און אָפּטייַלן איין יידישן ישוב פון דעם צווייטן. און נאָך מער — אין דער איצטיקער גרויזאַמער צייט, ווען מיר מוזן זיין שטאַרק און פעסט און זיך האַלטן וואָס מער אינאיינעם. יעדער יידישער קיבוץ מוז געשטאַרקט ווערן דורך די אַלע איבעריקע.

די פאַרבינדונג דעריבער פון דער יידישער יוגנט מיט דער יידישער וועלט, מיט די ווערטן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, מיט דער קולטור פון די יידישע קיבוצים אין אַנדערע וועלט־טיילן דאַרף און קען ווערן אַ שטאַרקע און אַ נאַטירלעכע און אַ באַפרוכפּערנ־דיקע, — ווען די יוגנט וועט דערשפּירן אין דער יידישער וועלט, אין די יידישע פאָלקס־מאַסן, אין דעם לעבן פון יידן אין אַנדערע לענדער ניט בלויז צעבראָכנקייט, פאַרפאָלגונגען, דערשלאָגנקייט, — נאָר פאַרקערט — דערהויבנקייט, העראָאישן קאַמף פאַר זייערע רעכט, פאַר זייער עקזיסטענץ, שטאָלץ, זעלבסטווירדע.

אפשר האָב איך אַ טעות, — אָבער עס דוכט זיך מיר, אַז די היגע יידישע יוגנט איז שטאַרק דערווייטערט פון די אַלע שווערע און אינטערעסאַנטע פּראָבלעמען פון דער יידישער יוגנט אין אַנ־דערע לענדער. און עס איז אַ גרויסער שאָד! וויפיל אינטערעסאַנטע איבערלעבענישן און מאָטיוון דאָס נעענטערע באַקענען זיך מיט דעם לעבן פון דער יידישער יוגנט אין די אייראָפּייאישע לענדער וואָלט געקענט פאַרשאַפן און צושטעלן דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט!

עס איז אַן אינטערעסאַנטע זאַך:

בעת מיין פאַרברענגען מיט צוויי יאָר צוריק אין פּאַלעסטינע, איז מיר אויסגעקומען צו האָבן אַ לענגערן שמועס מיט איינעם פון די פירער פון דער דאָרטיקער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג וועגן דער יידישער יוגנט, וואָס וואַקסט אין ארץ־ישראל אינגאַנצן אָפּ־געריסן פון דער יידישער יוגנט אין פּוילן, רומעניע און אַנדערע

לענדער פון א גרויסן יידישן מאסן־ישוב. און דער פירער פון דער דאָרטיקער אַרבעטער־באַוועגונג האָט לסוף פונם שמועס געזאָגט, אַז עס וואָלט געדאַרפט זיין אַ חוב פאַר יעדן יידישן בחור און מיידל, וואָס האָט געענדיקט אַ שול אין פאַלעסטינע, פאָרן אויף אַ יאָר צייט קיין חוץ־לארץ, זיך צו באַקענען מיטן לעבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אויף די ערטער, כדי צו באַגרייפן און אויפצונעמען גאָר די ברייטקייט און פאַרמעסט פון די יידישע ליידן און פריידן אין די אַלע ישובים, וואו יידן לעבן און שאַפן ביי פאַרשיידענע באַדינגונגען...

איך מיין, אַז דאָס איז אַ זייער אַ געזונטער געדאַנק אויך פאַר דער יידישער יוגנט פון אַמעריקע. עס איז אודאי שווער צו ענדערן גלייך אין יסוד דעם גאַנג און דעם כאַראַקטער פונם לעבן פון דער יידישער יוגנט אין אַמעריקע. דערויף פאָדערן זיך גאָר גרויסע מעג־לעכקייטן און אויך פאַראייניקטער ווילן און מוט פון די אַלע מאָדער־נע כחות אויף דער יידישער פּראָגרעסיווער גאַס. דאָס וואָלט גע־דאַרפט זיין איינע פון די וויכטיקסטע אויפטואונגען און פאַרמעס־טונגען פון דעם „איקוף" אין אַמעריקע — אַוועקשטעלן אין דער פולער ברייט די פראַגע פון דער יידישער יוגנט אין אַמעריקע, די פראַגע פון אַ פולער און גאַנצער יידישער מענטשלעכער דערציאונג און אַנטוויקלונג. און דער „איקוף" וואָלט אָפּגעשפּילט אַ געוואַלדיקע און היסטאָרישע ראָלע, ווען ער וואָלט געבראָכן די צוימען און וואָלט פאַנאַנדערגעוואָרפן די מחיצות און וואָלט דערהויבן די פראַגע פון דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט אין איר גאַנצער שאַרפקייט און ערנסטקייט.

און אַ שטאַרקע שייכות האָט געוויס צו אָט־דעם פּראָבלעם יידישע יוגנט — די צעריסנקייט פונם יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן אין אַמעריקע. אויסער אַלע זאַכן, וואָס אַ פאַראייניקונג אָדער לכל־הפחות דערווייל אַ פאַרשטענדיקונג פון די אַלע שול־סיסטעמען וואָלט געבראַכט, וואָלט עס געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער יוגנט גופא. מיטאַמאָל וואָלט די מחנה יידישע שול־קינדער געוואָרן גרעסער און פאַרשיידנאַרטיקער. עס וואָלט געהאַט אויך אַ געוואַל־

דיקע גינסטיקע פסיכאָלאָגישע השפעה אויף דער יידישער יוגנט, וואָס וואָלט געהאַט אַרום זיך ניט קיין צענדליקער, הונדערטער, נאָר — גאָר טויזנטער. עס וואָלט אויסגעוואַקסן אַ ברייטע סביבה פון יוגנט. און דאָס וואָלט געווען אַ מזל־ברכה פאַר דער יידישער יוגנט־וועלט.

אַזאַ פאַראייניקונג און פאַרשטענדיקונג פון די אַלע טיפּן שולן וואָלט געבראַכט צו נאָך אַ וויכטיקע זאַך — מען וואָלט דאַן גע־טראַכט וועגן גאַנצע, פולע יידישע שולן פאַר די יידישע קינדער און דערוואַקסלינגען. דאַן וואָלט מען דערצויגן אַן אמתע גאַנצע יוגנט, וואָס וואָלט געווען פאַרבונדן מיט יידיש, יידישע קולטור־אינטע־רעסן פולער און גאַנצער. עס וואָלט דאַן אויך צוגעצויגן מער על־טערן צו דער שול, ווען זיי וואָלטן געזען די גרויסע און וויכטיקע רעזולטאַטן פון דער גאַנצער, נאָרמאַלער יידישער שול.

ממילא וואָלט אַראָנק דעם געלייזט געוואָרן די פראַגע פון דער יידישער יוגנט, ווען זי וואָלט געלעבט אין אַ גאַנצער נאָרמאַלער יידישער סביבה.

אָבער דאָס זענען פראַגן, וואָס איר, דאָ אין אַמעריקע, פּלאָגט זיך מיט זיי כסדר. איך באַריר זיי בלויז אויף וויפיל זיי זענען פאַרבונדן מיט דער פּראָבלעם יידישע יוגנט.

אין דערציאונג־פראַגן קען מען ניט גיין אויף האַלבע און פערטל־וועגן. אָדער, אָדער. און דער אַלוועלטלעכער קולטור־פאַר־באַנד „איקוף" קען און דאַרף אַוועקשטעלן צו דיסקוסיע אין דער גאַנצער ברייט און טיף די האַרבע און שווערע פראַגע פון דעם דער־וואַקסנדיקן יידישן דור אין אַמעריקע.

און איך מיין, אַז קודם־כל וואָלט מען באַדאַרפט אויפנעמען אַזאַ מין קאָנקורס, ווי עס האָט עס באַשטימט דער יידישער וויסנ־שאַפטלעכער אינסטיטוט אין ווילנע.

מיר דאַרפן קענען און וויסן אונדזערע יידישע יוגנט אין אַמע־ריקע — זיך נעענטער און טיפער באַקענען מיט אירע באַשטרע־בונגען און איבערלעבענישן.

זאָל דער „איקוף" אין די פאַראייניקטע שטאַטן באַשטימען

אזא קאָנקורס אויף דער בעסטער יידישער אויטאָביאָגראַפיע פון דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט, וואָס האָט געענדיקט אָדער האַלט ביים ענדיקן די יידישע שול. עס איז קיין ספק נישט, אַז עס וועלן אריינפאַלן פיל אויפריכטיקע און אינטערעסאַנטע ענטפערן. און אויפן סמך פון אויטענטישע מאַטעריאַלן וועט זיך לאָזן ענטפערן אויף דעם האַרבן און אינטערעסאַנטן פּראָבלעם — ווער איז אונדזער יידישע יוגנט אין אַמעריקע, וואָס זענען אירע באַשטרעבונגען, מיט וואָס לעבט זי און וואָס אינטערעסירט זי, און וואָס זענען די מיטלען, וועלכע וואָלטן זי געקענט אַרויספירן אויפן וועג פון ענגער און אמתדיקער פאַרבינדונג מיט דעם יידישן לעבן און שאַפן.

און דאַן וועלן מיר קענען זוכן וועגן ווי צו לייזן דאָס שווערע פּראָבלעם און אנשטאָט אַ יוגנט־פּראָבלעם — וועלן מיט האָבן אַ געזונטע, איינענע, שאַפנדיקע און פּראָדוקטיווע יוגנט.

און ערשט דאַן וועלן מיר קענען קומען צו דער יידישער יוגנט, זי אָרגאַניזירן, זי אַריינציען אין דער יידישער קולטור־אַרבעט, אין דעם יידישן קולטור־שאַפן.

דער שרייבער און דער לייענער

עס הערשט ביי אונדז אַ פֿאַלשער און ממילא זייער שעדלעכער צוגאַנג צו ליטעראַטור, צו ליטעראַרישע ווערק — און דאָס רופֿט זיך אָפּ שלעכט סיי אויף דעם לייענער און סיי אויף דעם שרייבער.

מען קוקט אויף ליטעראַטור, אויף קינסטלערישע ווערק ווי אויף אַ זאַך אַ לייכטע, אַ לייכטזיניקע, וואָס דאַרף בלויז פֿאַרווייל׳ן, אונטערהאַלטן און מער נישט. און ווײַבאַלד, אַז ליטעראַטור איז דערפֿירט געוואָרן צו אַזאַ מדרגה, האָט זי אָנגעוואָרן ביים עולם איר חשיבות, איר באַדייט. קען מען עס פֿאַרבייטן מיט אַנדערע מער לייכטערע פֿאַרווייל־מיטלען, ווי ראַדיאָ, מואווי, אַ לייכטער זשורנאַל, ספּאָרט און אַזוי ווייטער. דעריבער איז דאָס בוך אַרויסגעשטויסן געוואָרן פֿון שטוב, פֿון דער געזעלשאַפֿט, פֿון לעבן. און אַזוי ווי ס׳איז געפֿאַלן דער אָנזען און חשיבות פֿון בוך, איז אויך געפֿאַלן די ראָלע, דער באַדייט פֿונם שרייבער, פֿונם קינסטלער.

אַוודאי איז אין דעם שולדיק ניט בלויז דער עולם. נאָר אַ גרויסע שולד טראָגט דאָ דער שרייבער גופֿא. ער האָט אין פֿאַרשיידענע צייטן צופֿיל זיך געלאָזט שפּילן און פֿאַרשפּילן מיט זיך אַליין, מיט ביליקע פֿאַטשערקעס, מיט וואָרט־פּלוידערייען, און אָפּגעשטויסן פֿון זיך, פֿון זיינע ווערק דעם בעסערן און ערלעכן לייענער. אָט דער לייכטער צוגאַנג צו זיינע אויפֿגאַבן, צו זיין שליחות אין דער וועלט, האָט זיך ביטער נוקם געווען אין דעם שרייבער. עס איז געוואַקסן

אַן אָפּגרונט צווישן שרייבער און לייענער, צווישן שאַפער און גע־ניסער.

מען וועט נאָך געווים באַדאַרפן גענוי און אויספירלעך באַ־האַנדלען די געפערלעכע ראָלע, וואָס די שלעכטע און פאַלשע לי־טעראַטור האָט געשפּילט אינם לעבן פון דורות און תקופות. אין איינעם אַ בריוו פון גרויסן קינסטלער־דענקער ראָמען ראָלאַן צו מאַקסים גאָרקי ווערט גאַנץ קלאָר געזאָגט: „מען זאָגט, אַז רעלי־גיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק, אָבער ריכטיקער וועט זיין די דאָזיקע דעפיניציע בנוגע דער קונסט און ליטעראַטור אין איירָאָפּע פאַר די לעצטע פופציק יאָר. זיי האָבן איינגעשלעפערט דאָס געזעלשאַפטלע־כע באַוואוסטזיין. זיי האָבן איר צוגעשטעלט פאַרגעבונג פאַר די זינד, כדי אויסצומיידן סאָציאַלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. זיי האָבן געשאַפן „קאַפּליצקעס”, וואו מען זאָל זיך קענען אויסבאַהאַלטן פון דערווירקלעכקייט”.

אויפן שרייבער־קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען מיט דריי יאָר צוריק אין מאָסקווע, האָט אַ כינעזישער רעוואָלוציאָנערער שרייבער דערציילט אַן אַנעקדאָט וועגן איינעם אַ כינעזישן דיכטער־אָנפאַנ־גער, וואָס האָט אין זיינעם אַ ליד אָנגעשריבן פאָלגנדיקע פאָר שורות:

„מיין יונגער ברודער איז געשטאָרבן
אויפן דרומדיקן הימל,
מיין עלטערער ברודער איז אומגעקומען
אויף צפונדיקער ערד”.

דעם דיכטערס אַ באַקאַנטער, ווען ער האָט איבערגעלייענט אָט די שרעקלעכע שורות, איז געקומען צו לויפן צו אים, אויסצור־דריקן אים זיין מיטגעפיל, זיין מיטלייד. אָבער דער יונגער דיכטער האָט אים באַגעגנט לאַכנדיק און געזאָגט צום דערשראָקענעם פריינט: „נישט מיין עלטערע, נישט מיין יינגערער ברודער זע־נען נישט געשטאָרבן. כ'האָב עס געשריבן גלאַט אַזוי זיך, ווייל

די ווערטער פון דער צווייטער שורה זענען קעגנגעשטעלט צו די ווער־טער פון דער ערשטער שורה, ווי ס'פאדערט די פאעטישע פארם".

דער ערלעכער און אויפריכטיקער לייענער האט דערפילט די פוסטקייט, די פראזנדרעשעריי, וואס האט געשטעקט אין פיל ווערק, און ער איז אוועק פון דער ליטעראטור, אוועק פון ביכער, וויבאלד זיי האבן אויפגעהערט אים צו אינטערעסירן, וויבאלד זיי האבן זיך געקערט מיטן רוקן צוםווירקלעכן לעבן און צו דעם גערענגל אין לעבן.

איינער א יידישער שרייבער און דיכטער, וואס האט שוין ארויסגעגעבן א צוואנציק ביכער — לידער, פאעמעס, נאוועלן, ראָ־מאנען — האט זיך געהאט באַרימט, אז „אלע זיינע יארן באמיט ער זיך צו גיין אויף דעם לייזדיקן טראטואר און דערמיט היט ער אפ זיינע זייטן זאלן בלייבן גאנץ..." עס איז אפשר א גוטע סגולה פאר זיך, אבער עס איז דא די ערנסטע געפאר, וואס מען בלייבט אליין שטעקן אין א ליידיקן, פוסטן רוים, דער עולם צעלויפט זיך און לאזט איבער דעם „שטאלצן" קינסטלער איינעם אליין...

אבער אזעלכע מינים שרייבער זענען בלויז א טייל אין דער ליטעראטור, און אין דער יידישער ליטעראטור אודאי און אודאי.

עס וואלט געווען אן עולה, ווען מען זאל וועלן אורטיילן די גאנצע יידישע ליטעראטור לויט איינציקע, געצײלטע און פארמשפטן די גאנצע ליטעראטור פאר די זינד פון עטלעכע.

אדרבה, אפגעזען פון א ריי שריפטשטעלער, וואס האבן אפ־געקערט פון דעם ברייטן לעבנס־וועג און זיך פאררוקט אין אייגענע ענגע ווינקעלעך, איז דער סימן מובהק פון דעם יידישן שאפן, פון איר כאראקטער און תוך, וואס זי איז אן אמתע מאסן־קולטור, זי איז דער אויסדרוק און דער פועל־יוצא פון דעם דראנג און ווילן פון די יידישע מאסן זיך אויסצולעבן וואס־פולער און וואס־גאנצער ביי די סאמע שווערסטע באדינגונגען, וואס דאס לעבן ארום שטעלט זיי די לעצטע דורות צו. דאס לעבן פון די יידישע מאסן, דער גאנג און דער אימפעט זייערער, די סטיכיע, וואס טראגט זיי פון איין לאנד אין דעם צווייטן, פון איין לעבנס־שטייגער אין דעם אנדערן,

די אַלע איבערוואַנדערונגען און איבערוואַנדלונגען, וואָס ברענגען אַן ענדערן דעם כאַראַקטער און דעם קאַלאַריט פון דעם יידישן לעבן — דאָס אַלץ רופט זיך אָפּ און פאָרמירט כסדר נייע שאַפער און נייע ווערק.

די לעצטע צענדליקער יאָרן האָבן מיר אַדורכגעמאַכט אַ ווייטן און זייער אינטערעסאַנטן וועג אין אונדזער לעבן. מיר האָבן געמאַכט אַ שפרונג פון מיטלאַלטער אין אַ מאָדערנעם לעבנס־שטייגער, מיר זענען אַוועק פון די קליינע שטעטלעך מיט זייערע קליינשטעטלדיקע אַטריבוטן און זענען געקומען אין דער גרויסער שטאָט, — מיר זענען אַוועק פון טונעיאַדעווקע, קאַבצאַנסק, קאַסרילעווקע און האָבן אַנגעשלאָגן אין ניו יאָרק, פּאַריז, בוענאָס־איירעס, יאָהאַניסבורג, וואַרשע, מאָסקווע, קיעוו. מיר זענען במשך פון אַ פּאָר צענדליקער יאָר געווען עדות פון צעפאַל פון אַ שטיק יידיש לעבן אין געוועזענעם רוסלאַנד, — מיר זענען געשטאַנען פּנים על פּנים מיט אַ וועלט־קריג, אָקופּאַציע, פּאַר חורבות און חורבנות, פאַר אַ כסדרדיקער געפאַר פון אונטערגאַנג און אומקום, — און פון דער צווייטער זייט — אַן אויפקום פון נייעם לעבן, אויפבלי פון נייע יידישע ישובים און קיבוצים. אַזויפיל ליכט און שאָטן, אויפברויז און פאַרצווייפלונג, רעזיגנאַציע און גרויסער, ניט־געדאַכטער פאַרמעסט. שייטערהויפן און נייער אויפשיין פון גרויסע אומדערוואַרטעטע טרוימען און מעגלעכקייטן! אַזעלכע וואונדערבאַרע פּראָצעסן אין יידישן לעבן, וואָס האָבן אין זיך אַזוי פיל פּראָבלעמען און קאָנפליקטן און קאָליזיעס, — בויענדיקע און צעשטערנדיקע, נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע אויף שריט און טריט. דערצו ווערן מיר כסדר אַריינגעשליידערט אין נסיונות, אין ראַנגלענישן, וואָס שטאַמען, וואָס קומען אַרויס ניט פון אונדזער אייגענעם, אינעווייניקסטן יידישן לעבן, נאָר אָפטמאָל שטעלט מען אונדז פאַר נייע נסיונות, נייע ראַנגלענישן פון דער זייט, פון דער אַרומיקער וועלט, וואָס צאַפּלט צווישן פינצטער און ליכט, צווישן גרויזאַמע הענקער און אַנזאָגער פון אַ ליכטיקן מאָרגן.

און דאָס אַלץ האָבן מיר אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס

איז געשאפן געוואָרן די לעצטע דורות. אויב ניט אַלעמאָל אין פּור לער, פאַרגאַנצטער פאָרם, — איז אָפטמאָל אין אַנדייט, אין באַריר, אין אַנוואורף פון אַט די אַלע פּראָבלעמען און ווייען און פריידן.

מיר דאַרפן געדענקען, אַז אין די פאַרשיידענע ווערק, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור, האָבן מיר דעם אָפּרוף, דעם אָפּהילך פון דער גרויזאַמער, אָבער רייכער און אינטערעסאַנטער יידישער ווירקלעכקייט, און קענען מיר נישט די יידישע ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן ביי היינט צו טאָג אין די פאַרשיידענע לענדער, קענען מיר דאָן נישט דאָס עצם יידישע לעבן, ווייסן מיר ניט וועגן די אַלע שוועריקייטן, וועגן די אַלע פּראָצעסן, וואָס די יידישע מאַסן מאַכן דורך אין גאָר דער וועלט אין אַט דער אויפטערלישער צייט.

די יידישע ליטעראַטור אין איר גרויסן און ברייטן וועג, אָנגעהויבן פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם, פּרץ און די אַלע אַנדערע יידישע שרייבער פון עלטערן און יונגערן דור, — האַלטן אין איין אויפזאַמלען אין זייערע ווערק אַלדי ליכט און שאָטן, אַלדי פּאַסירונגען און ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין דער יידישער וועלט, ביים יידישן מענטש, ביים יידישן כּלל די לעצטע דורות. און מיר דאַרפן דערביי געדענקען, אַז דער שרייבער גופא, וואָס קומט און וואַקסט אין דעם יידישן לעבן, — ער אַליין איז דאָך אויך אַ פּראָדוקט פון דער צייט, אַ פּראָדוקט פון די נייע ענדערונגען, פון די נייע פאַרהעלטענישן, וואָס דאָס לעבן, דער אָרום, די אַלע געשעענישן שאַפן. מיר דאַרפן פאַרשטיין, אַז ניט דער שרייבער טראַכט אויס וועלטן, נישט־געשטויגענע, נישט־געפלויגענע, נאָר די צייט, די תקופה געשטאַלטיקן אויס סיי דעם שרייבער און סיי זיינע ווערק. מיר דאַרפן געדענקען, אַז נאָך איידער דער שרייבער קומט שרייבן אַ ווערק — האָט שוין דאָס פאָלק, האָבן שוין די מאַסן אויסגעטראָגן אין זיך אין לויף פון צייטן און דורות שטריכן, אייגנשאַפטן, פּרטים, וואָס דער שרייבער פאַרווענדט שפּעטער אין זיין ווערק. און ניט נאָר, וואָס די מאַסן האָבן אָפּריער אָנגעווענדט

פיל שאַפונג־ענערגיע, איידער דער קינסטלער נעמט עס אין זיין „וואַרשטאַט״, — אויך שפּעטער, ווען דאָס ווערק ווערט פאַרענדיקט דורך דעם שרייבער, — ערשט דאַן הויבט עס אָן צו לעבן אַ פול און אַ גאַנץ און אינטערעסאַנט און שאַפעריש לעבן, ווייל עס קומט אין ענגער און פעסטער און נאַטירלעכער באַרירונג מיטן לייענער, מיט געניסער.

אַזוי אַרום איז דער לייענער, — צי ער וויל, צי ער וויל ניט, צי ער ווייסט דערפון צי ניט — אַ שותף, מיט־שותף צו דעם שאַפן פון קינסטלער. דער לייענער טראָגט־צו זיין ליים און ציגל צום ווערק, ווען עס איז שוין אַפילו פאַרענדיקט דורך דעם שאַפער.

עס איז פאַראַן נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט אין די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן דעם שרייבער און דעם לייענער — דאָס איז דער צוטרוי, דאָס גלויבן, וואָס דער קינסטלער דאַרף וועקן און דער־וועקן ביים לייענער. דער לייענער פילט זייער שטאַרק אויף וויפיל דער שרייבער איז אויפריכטיק און אמתדיק אין זיין שרייבן. מיר שטעלן זיך גאָר ניט פאָר, ווי עמפינדלעך אין דער הינזיכט דער ליי־ענער איז, און ווי שטאַרק און פעסט ער קען און ער ווערט צו־געבונדן צו אַ שרייבער, וואָס ליידט מיט, וואָס טראָגט זיין שריי־בער־שליחות מיט ערלעכקייט און אויפריכטיקייט. און מיר ווייסן גאָר אַליין ניט, ווי אַ ליידנדיקער און אויפריכטיקער שרייבער טרעפט גלייך אַריין אין דעם פינטל און ער ווערט טיף־איינגן און ווערט איינגעבאַקן אין די הערצער פון די אויפריכטיקע און ערנסטע לייענער.

מאַקסים גאָרקי האָט אין איינער אַ רעדע געזאָגט וועגן אָט דעם מין שרייבער: „אָט די שרייבער ווייסן פאָר וועמען זיי אַר־בעטן. דער לייענער קומט צו זיי און פאָדערט פון זיי, פון די „אינ־זשיניערן פון דער נשמה״, זיי זאָלן אָרגאַניזירן מיט פשוטע ווער־טער און דורך גוטע אמתדיקע געשטאַלטן זיינע געפילן, זיינע שטרע־בונגען, געדאַנקען און די הערלאַישקייט פון דער אַרבעט״.

דער לייענער איז זייער עמפינדלעך צום שרייבער. ער פאַר־ליידט ניט, ווען ער דערשפירט גלאַט שיינע רייד, קנאַקעדיקע ווער־

טער, וואָס פּאַסן זיך ניט אריין אין טואונגען און טאַטן פון דעם שרייבער. דער קינסטלער דאַרף זיין, ווי עס שטייט געשריבן, ניט נאָר אַ נאה דורש, אַ שיין־רעדנער, נאָר אויך אַ נאה מקיים, אַ שיין־טוער. און דעריבער האָט אַ גרויסע באַדייטונג אין דעם איינשטעלן גוטע און אויפריכטיקע און פעסטע באַציאונגען צווישן שרייבער און לייענער, ווען דער שרייבער ווייזט אויך מיט זיינע מעשים, אַז ער אַליין גייט־מיט מיט די פּראָגרעסיווע מאַסן אין זייער קאַמף און געראַנגל, אַז ער שטייט כסדר אויף דער וואַך, אַז ער קען אויך זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע שיינע רייד. דאַן, ווען דער עולם האָט פאַרבינדונג מיטן שרייבער אין דעם שווערן קאַמף — דאַן ווערט ער אים נעענטער און ליבער און אייגענער.

אין איינעם פון אירע לידער אין „דזשיקע גאַס" שרייבט קאַדיע מאָלאָדאָווסקי וועגן זיך, וועגן דער דיכטערין און וועגן דעם לייענער:

און איך — מען טייט אויף מיר מיט די פינגער:
אָט זי, די זינגערין,
אַ רוח אין איר מאַמען,
זי שלעפּט זיך דאָ ארום,
און פּלעכט, פון אונדזער אומגליק גראַמען.
וואָלט זי נעכטן גיין מיט אונדז אין גאַס ארויס".

יאָ, דער מאַסן־מענטש, דער אַרבעטער, האָט דאָס רעכט צו קומען צום שרייבער מיט פאָדערונגען, מיט מאָנונג, מיט וואָרנונג, פּונקט ווי דער שרייבער האָט טענות צום לייענער און מאָנט ביי אים אויפמערקזאַמקייט, אינטערעס, ליבע און פּיעטעט.

דער ערנסטער לייענער קען ניט און וויל ניט שפּילן מיט דער ליטעראַטור, מיט דער קונסט אַ לייכטן פלירט, וואָס איז צו גאַרנישט פאַרפליכטעט. און אויך דער שרייבער, דער ערנסטער און ציל־באַוואוסטער שרייבער קען ניט פאַרליידן, ווען ליטעראַטור, ווען זיין ווערק איז עפּעס אַ זייטיקע, ניט איבעריק־נויטיקע זאַך אין דעם לעבן פון דעם לייענער.

„איך שרייב ניט, איך טו א טואונג", האט אמאל לייוויק געזאגט, און אויך קאדיע מאלאדאווסקי האט אין א ליד געשריבן:
„איך שרייב ניט קיין ליד, איך פרואוו געפינען א ווארט פאר מיין בלוט, וואס וויינט אין מיין גוף".

און אט וואס עס שרייבט מ. א. סול אין זיין נייעם בוך לידער „דעם טאג אנטקעגן":

„איך ווייס, וואס הייסט צו זיין אצינד א דיכטער,
איך ווייס, וואס הייסט איצט אנשרייבן א ליד,
ווען ס'שרייבט מיין קלאס אין בלוט דער וועלטס געשיכטע
מיט יעדן שאס ביים טויער פון מאדריד.
וואויל איז דעם, וואס זינגט אין היינטיקן יארהונדערט —
אין פרייען פערז, צי אין געטאקטן גראם;
און גייט ניט אום מיט זיך אליין באזונדער,
נאר ווי א בוים איז ער פארוואָרצלט מיט זיין שטאם..."

דארף מען עס פארזען און פארלייקענען?

עס איז דא א טיפער תהום אין דער יידישער וועלט, אויך צווישן די פראגרעסיוו־דעמאקראטישע יידישע קרייזן, א תהום, א פארפרעמדקייט צווישן שרייבער און לייענער. א טייל שולד טראגט דער שרייבער אליין, א טייל שולד — אפשר די גרעסטע — טראגט דער לייענער.

אבער איין זאך איז קלאר:

די יידישע ליטעראטור איז פיל וויכטיקער און רייכער און אינטערעסאנטער ווי ווייט עס איז פאראן צו איר אן אינטערעס, ווי ווייט מען שענקט איר אויפמערקזאמקייט.

עס מוז קומען וואס גיכער אן ענדערונג אין דער באציאונג צו דער יידישער ליטעראטור ביי אונדז אלעמען. די יידישע ליטעראטור פארמאגט זייער פיל ווערק סיי פון די פריערדיקע שרייבער, סיי פון די ניי־אויפגעקומענע, וואס וואלטן געקענט באהייכערן דעם געדאנק, פארברייטערן דעם האריזאנט פון דעם יידישן לייענער. אבער עס הערשט א ל י י כ ט ז י נ י ק ע באציאונג צו דער

יידישע ליטעראַטור, אַ באַציאונג, וואָס גרענעצט זיך מיט ביטול, מיט הפקר. און דאָס מוז באַקעמפט ווערן און וואָס־גיכער.

סיי אין דער יידישער שול, סיי אין די פאָלקס־אוניווערסיטעטן, סיי ביי יעדן איינעם, וואָס האָט אַ שייכות צו דעם שאַפנדיקן יידישן לעבן, — אומעטום דאַרף מען אויפוועקן דעם אינטערעס צו דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן אין גאָר דער יידישער וועלט. מען דאַרף וויסן, אַז פאַר די לעצטע יאָרן קומט פאָר אַ זייער אינטערעסאַנטע קולטור־שאַפערישע אַרבעט פון די יידישע מאַסן, וואָס געפינט איר אָפּשפּיגלונג און געשטאַלטונג אין דער יידישע ליטעראַטור. און קען מען ניט די יידישע ליטעראַטור, ווייסט מען נישט דאָס יידישע לעבן מיט אַלע זיינע אויפגאַנגען און אָפּגאַנגען. די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור איז אַרויס פון איר געטאָ, פון דעם קליינשטעטל, וואו זי איז בעיקר געוואַקסן, זי ווערט געשאַפן אין פאַרשיידענע לענדער, ביי פאַרשיידענע סיטואַציעס און נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע גראַנגלעגנישן — זי האָט אין זיך פאַרשיידענע קאָלירן און אייגנשאַפטן, זי איז אָנגעזאַפּט מיט פאַרשיידענע מאָטיוון, טענער און טעמאַטיק. איז קאַרג אַזוי פון דער זייט כאַפּן אויף איר אַ בליק, געבן אַ שמעק, אַ לעק. מען מוז די יידישע ליטעראַטור לערנען, ניט לייענען, נאָר לערנען — און דאַן וועט זי אונדז באַרייכערן, און מיט אונדזער באַרייכערונג וועט אויך די יידישע ליטעראַטור נאָך מער באַרייכערט ווערן.

מער אינטערעס, מער אויפמערקזאַמקייט, מער פּיעטעט צו דער ערנסטער און שאַפנדיקער יידישער ליטעראַטור, דאַרף זיין אונדזער לאָזונג.

און אין די אַלע צווייגן, קלובן און לייען־קרייזן פון „איקוף" מוז מען אויפנעמען דאָס שטודירן פון דער יידישער ליטעראַטור מיטן גאַנצן ערנסט.

דאָס איז און דאַרף זיין איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון די „איקוף"־טוער.

דער וועג צום „איקוף"

דער „איקוף" (אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־פאַרבאַנד) איז געשאַפן געוואָרן סעפּטעמבער 1937 אויפן אַלוועלטלעכן קולטור־קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פּאַריז ביים בייזיין פון דעלעגאַטן פון 23 לענדער.

דער רוף צום קולטור־קאָנגרעס איז געקומען פונם יידישן קולטור־פראָנט אין פּאַריז סעפּטעמבער 1936, אָבער די אידייע צו רופן אַן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס איז שוין אַלט.

שוין אַ מעשה פון יאָרן ווי עס איז רייף דער געדאַנק צונויפצורופן די טוער און שאַפער פון דער יידישער קולטור, כדי דורך דעם שאַרפער ברענגען צום אויסדרוק דעם דראַנג פון די יידישע מאַסן צו פאַרשטאַרקן און פאַראייניקן די צעשפּליטערטע פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישע כחות אין דער יידישער וועלט.

נאָך אין 1908, מיט 30 יאָר צוריק, איז אין טשערנאָוויץ אָפּגעהאַלטן געוואָרן די באַרימט־געוואָרענע אַלוועלטלעכע יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ. די איניציאַטאָרן פון אָט־דער קאָנפערענץ זענען שוין דאַן געווען באַגייסטערט פון דער אידייע צו פאַראייניקן די יידישע שאַפונגס־ענערגיע אין גאָר דער וועלט.

דר. ח. זשיטלאָווסקי,—איינער פון די איניציאַטאָרן און פירער פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ — זאָגט טאַקע אין זיין רעפעראַט „טשערנאָוויץ און פּאַריז — שפּראַך־קאָנפערענץ און קולטור־קאָנגרעס": „די צונויפרופער פון אָט־דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָבן געהאַט אין זינען ניט נאָר די יידישע שפּראַך,

נאָר אויך די קולטור אין איר... עס האָבן געזאָלט אויף דער קאָנפערענץ אויסגעאַרבעט ווערן פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען פאַר דעם אויפבוי פון דער קולטור אין דער יידישער שפּראַך־ספערע און עס האָט געזאָלט באַשאַפן ווערן אַן אַלוועלטלעכע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל דורכפירן אָט־דעם אויפבוי".

צוליב פאַרשיידענע טעמים איז נישט געלונגען אויפצושטעלן אַ געזונטע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל פירן ווייטער די אַרבעט, — סיי די אָרגאַניזאַציאָנעלע און סיי די אידייאישע, און וואָס זאָל רעאַליזירן די אַלע שיינע וואונטשן פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ.

שפּעטער טרעפן מיר אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט פאַרשיידענע פּראָיעקטן און פּרואוון צו פאַראייניקן די פאַרשיידענע יידישע קולטור־כחות אין דער וועלט.

אויף פאַרשיידענע קאָנפערענצן, צוזאַמענפאָרן אין אייראָפּע און אין אַמעריקע ווערט כסדר אַרויסגערוקט דער לאָזונג, אַז מען מוז קאָאָרדינירן די קולטור־אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן אין פאַרשיידענע לענדער באַזונדער, אָפּגעריסן און אָפּגעטיילט, — אין איין בטימולירנדיקן כח און אָרגאַניזאַציע.

אַזוי איז געשטאַנען אויף דעם שול־צוזאַמענפאָר אין פּוילן, וואַרשע, 1921, די פראַגע צו רופן אַ קולטור־קאָנגרעס. אויף אָט־דעם צוזאַמענפאָר איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן און עס איז איר אויך איבערגעגעבן געוואָרן די איניציאַטיוו צו רופן אַ קולטור־צוזאַמענפאָר.

אויך קולטור־צענטראַלעס אין אַנדערע לענדער האָבן זיך פאַרנומען כסדר מיט דער פראַגע צו רופן די קולטור־טוער פון די אַלע שאַפערישע יידישע קיבוצים פאַר אַ געמיינזאַמער און סיסטעמאַטיזירטער קולטור־אַרבעט.

מיט 15 יאָר צוריק איז דער לעטלאַנדישער „אַרבעטער היים"

ארויס צו דער יידישער קולטור־וועלט מיט אַ זייער קאָנקרעטן פאָרשלאָג צו רופן אַ קולטור־צוזאַמענפאָר פון גאַר דער יידישער וועלט. אָט־דער רוף האָט אין זיין צייט אַרויסגערופן ביים יידישן עולם גרויס אויפזען און איז ערנסט באַהאַנדלט געוואָרן דורך פאַר־שיידענע צענטראַלע קולטור־אינסטיטוציעס.

און וואָס איז די גרינדונג פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט („ייוואָ״), וואָס איז פאָרגעקומען מיט 13 יאָר צוריק, — אויב נישט דער אָנהויב פון צענטראַליזירן די יידישע קולטור־אַרבעט אויף אייניקע געביטן פון יידישן וויסן. אין יסוד פון דעם „ייוואָ״־פּראָגראַם ליגן די געזונטע קערנער פון אַ פאַראייניקונג פון די יידישע קולטור־וויסנשאַפטלעכע שעפער און גייסער איבער דער גאַנצער יידישער וועלט.

און עס איז קיין צופאַל נישט, וואָס אויף דעם אַלוועלטלעכן „ייוואָ״־צוזאַמענפאָר אין ווילנע, זומער 1935, איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ מעמאָראַנדום פון עטלעכע און דרייסיק באַקאַנטע טוער, שרייבער, שוישפּילער, לערער, וואו מ׳האָט אָנגעוויזן אויף דער נויט צו שאַפן אַ געמיינזאַמען פראָנט צו באַשיצן די באַדראָטע יידי־שע קולטור־פּאָזיציעס. אָט־דער מעמאָראַנדום האָט אַרויסגערופן פיל אויפמערקזאַמקייט אין דער פּראָגרעסיווער יידישער וועלט און גלייך אין אַ ריי ערטער געבראַכט צו קאָנקרעטע פאָלגן: עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן גרופּעס און קרייזן, וואָס האָבן, מיט וואָרט און טאַט, פּראָפּאַגירט די אידייע פון אַ פאַראייניקונג פון די אַלע פּראָגרעסיווע קולטור־כחות אויף דער יידישער גאַס. עס זענען אין אַ ריי לענדער אָפּגעהאַלטן געוואָרן באַראַטונגען, עס זענען אויפגע־קומען אָרגאַניזירטע גרופּעס, וואָס האָבן אָנגעהויבן רעאַליזירן אין לעבן די אידייע פון אַ פאַראייניקטן יידישן קולטור־פראָנט.

באַזונדער איז רייף געוואָרן דער געדאַנק צו קאָאָרדינירן די אַלע פּראָגרעסיווע קולטור־כחות אויף דער יידישער גאַס, כדי געמייזנאַם קענען אָפּשלאָגן די אַלע אָנגריפן סיי פון דרויסן און סיי פון אי־נעווייניק — נאָך דעם אינטערנאַציאָנאַלן שרייבער־קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פּאַריז, זומער 1935. עס איז פאַר

אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז דער אַלוועלטלעכער פאַשיזם טרעט הוצפּהדיק פאָראויס און ווײל אומברענגען אַלע די דעראָבערונגען פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט, און בעיקר צילט ער אין די יידישע קולטור־פּאָזיציעס.

די איניציאַטאָרן פונם קולטור־קאָנגרעס האָבן טאַקע אין זייער רוף אונטערגעשטראָכן: „דער יידישער קולטור־פראָנט, וואָס גרופּירט די פּראָגרעסיווע אינטעלעקטועלע אין פראַנקרייך — שריפטשטעלער, קינסטלער, וויסנשאַפטלער, לערער, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים א. א. וו. **אָן שום אונטערשייד פון פּאָליטישער ריכטונג און וועלט־אָנשויאונג**, וויל פאַרוואַנדלען דעם פּאַריזער אַלוועלטלעכן קולטור־קאָנגרעס אין אַ מעכטיקער מאַניפעסטאַציע פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער רייכער קולטור פון די יידישע **פאָלקס־מאַסן אין גאָרער וועלט**, אין אַן אויסגאַנג־פּונקט פון אַ דערמוטיקטער, באַגייסטערטער און פרוכטבאַרער טעטיקייט פאַר דער באַרייכערונג און פאַרפעסטיקונג פון די געשאַפענע קולטור־ווערטן".

דער קולטור־קאָנגרעס איז געווען אַ פּראָדוקט פון דעם ווילן און דראַנג פון די יידישע מאַסן, וואָס שטרעבן זינט צענדליקער יאָרן צו פאַראייניקן זיך, צו פאַרשטאַרקן די צעשפּליטערטע קולטור־כחות.

און דאָס איז געווען דער סוד און דער באַשייד, פאַרוואָס דער קולטור־קאָנגרעס איז מיטאַמאָל אויפגעוואַקסן אין אַזאַ הויך און צו אַזאַ פאַרנעם —

ווײל יאָרצענדליקער האָט זיך געקליבן די ענערגיע, יאָרצענדליקער איז געוואַקסן דער דראַנג.

און דער „איקוף" — דאָס קינד פון דעם אַלוועלטלעכן קולטור־קאָנגרעס — האָט אויף זיך גענומען די גרויסע און דאַנקבאַרע אויפגאַבע צו רעאַליזירן אָט־די אַלע וויכטיקע באַשלוסן און וואונטשן, וואָס דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס האָט אָנגענומען.

פרייז 5 סענט

— ווערט אַ מיטגליד פון „איקוף" —

דער „איקוף" איז אַן אומפּאַרטייאישע קולטור־אָרגאַניזאַציע. און צו וואָס פאַר אַ ריכטונג איר זאָלט נישט געהערן, דאַרפט איר זיך אָנשליסן אָן „איקוף".

מיטגליד־אָפּצאָל פאַר יחידים פון 1 דאָלער ביז 10 דאָלער אַ יאָר.

מיטגליד־אָפּצאָל פאַר אָרגאַניזאַציעס צו 5 סענט פאַר יעדן מיטגליד אַ יאָר.

לייענט און פאַרשפּרייט דעם חודש־זשורנאַל פון „איקוף" — „יידישע קולטור".

אַ יאָר — 2 דאָלער. איין נומער — 20 סענט.

לייענט די בראָשור פון מ. אָלגין — דאָס יידישע פאָלק און די יידישע קולטור (דער אלף־בית פון „איקוף).

פרייז 5 סענט.

אדרעס:

YIDDISHER KULTUR FARBAND
1123 Broadway New York City

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK 446